**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 03/13/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 2026 'קאלעדזש צוטריט' באעהרונג געווינער וועלכע זענען איבערגעגעבן צו אויסברייטערן געלעגנהייטן פאר סטודענטן אריבער ניו יארק**

***געווינער אנאנסירט דורכאויס ניו יארק סטעיט'ס ערשטע קאלעדזש צוטריט קאנפערענץ***

***עקספערטן פון אריבער די סטעיט פארזאמלען זיך אין אלבאני צו דיסקוסירן וועגן צו אדרעסירן קאלעדזש צוטריט, דאס אויספילן FAFSA און אויסגלאטן וועגן צו הצלחה אין קאלעדזש***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט די באקומער פון די 2026 'ניו יארק סטעיט קאלעדזש צוטריט באעהרונגען' (New York State College Access Awards) וועלכע אנערקענען די אויסערגעווענטליכע מיהען פון יחידים און ארגאניזאציעס וועלכע זענען איבערגעגעבן צו פארשפרייטן אויפמערקזאמקייט איבער פינאנציעלע הילף, אויסברייטערן צוטריט צו- און אפארדעביליטי פון העכערע עדזשוקעישען אריבער די סטעיט און אוועקנעמען שטרויכלונגען אין וועג צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקע סטודענטן קענען ארבעטן צו דערגרייכן זייערע עדזשוקעישען ציהלן.

די געווינער פון די באעהרונגען זענען אנאנסירט געווארן דורכאויס די [2026 ניו יארק סטעיט קאלעדזש צוטריט קאנפערענץ (New York State College Access Conference, NYSCAC)](), א היסטארישע געשעעניש וואס האט צוזאמגעברענגט פינאנציעלע הילף פראפעסיאנאלן, באגלייטונג קאונסעלארס, שתדלנים און העכערע עדזשוקעישען פירער וועלכע זענען איבערגעגעבן צו אויסברייטערן קאלעדזש געלעגנהייט אריבער ניו יארק. די ערשטמאליגע קאנפערענץ אין ניו יארק האט אריינגערעכנט עקספערטן-אנגעפירטע ווארקשאפס איבער וויאזוי זיך צו באגיין מיט די לעצטיגע ענדערונגען אין פעדעראלע פינאנציעלע הילף פראגראמען, די בעסטע מעטאדן וויאזוי צו שטופן מער סטודענטן צו אויספילן FAFSA און TAP אפליקאציעס און סטראטעגיעס וויאזוי צו שטיצן סטודענטן, און די קאנפערענץ שטרייכט אונטער ניו יארק'ס פארפליכטונג צו פארמערן קאלעדזש אפארדעביליטי און צוטריט פאר אלע סטודענטן. גאווערנער Hochul (האקול) האט באגרוסט די באטייליגטע ביי די קאנפערענץ אין א [רעדע דורך ווידעאו](), וואו זי האט ארויסגעהויבן די קריטישע ראלע וואס זיי שפילן ביים שטיצן ניו יארק'ס סטודענטן און פאמיליעס.

"מיינע גראטולירנדע וואונטשן פאר די באקומער פון די 2026 ניו יארק סטעיט קאלעדזש צוטריט באעהרונגען, וועמען'ס אויסערגעוועינטליכע באמיאונגען טוהען אוועקנעמען שטרויכלונגען אין וועג און אויסברייטערן געלעגנהייטן פאר סטודענטן אריבער אונזער סטעיט", **האט גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) געזאגט.** "די ערשטמאליגע קאנפערענץ איז אן אפשפיגלונג פון די פארשריט און איבערגעגעבנקייט וועלכע זענען אין די הארץ פון ניו יארק'ס מיסיע צו פארמערן קאלעדזש אפארדעביליטי און צוגענגליכקייט, ווייל ווען מיר אינוועסטירן אין עדזשוקעישען, אינוועסטירן מיר אין די צוקונפט פון אונזער סטעיט."

די הײ-יאריגע באַערונגען אנערקענען מענטשן און אָרגאַניזאַציעס וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט אין פינף פאַרשידענע קאַטעגאָריעס, יעדע איינס אנערקענענדיג אויסערגעוועזנטליכע ביישטייערונגען צו גערעכטיגקייט און געלעגנהייט אין עדזשוקעישען. די באַערונג קאַטעגאָריעס און געווינער רעכענען אריין:

- **די Dr. Guillermo Linares Leadership Award (דר. גיערמאָ לינעירס פירערשאַפט באַערונג)**: פייערנדיג די אנגייענדע השפעה פון די ביישטייערונגען פון Dr. Guillermo Linares (דר. גיערמאָ לינעירס), ווערט די באַערונג געשאנקען פאַר א מענטש וועלכע ווייזט ארויס די זעלבע פאַרפליכטונג צו פאַראויס שטופן העכערע עדזשוקעישען אין ניו יארק סטעיט. עס ווערט באַלוינט פאַר א פירער מיט א חזון וואס טרייבט אינציאַטיוון וועלכע עפענען טויערן פאַר סטודענטן און פאַרמערן די אַוועילעביליטי פון פינאַנציעלע הילף, גיבנדיג זיי די כלים צו ערגרייכן זייערע אקאַדעמישע ציהלן.
**באַקומער:**
  - Dr. Mery Diaz (דר. מערי דיעז), פּראָפעסאָר, NYC קאַלעדזש פון טעכנאַלאָגיע ( NYC College of Technology)

- **די Pathway Builder Award (וועג אויפבויער באַערונג)**: באַערט אָרגאַניזאַציעס און יחידים וועלכע פלאַסטערן אויס איינפלוסרייכע וועגן צו העכערע עדזשוקעישען פאַר סטודענטן פון באַזייטיגטע באַפעלקערונגען און קאַמיוניטיס פון וואו ווייניגער קומען אָן אין קאַלעדזש.
**באַקומער:**
  - College and Career Advising Fellows, CUNY
  - מאָנראָו אוניווערסיטעט (Monroe University)
  - Ricardo Brens (ריקאַרדאָ ברענס), דירעקטאָר פון היי סקול-נאָכפאָלגנדע עדזשוקעישען ביי High School for Law/Public Service
  - Shavon Munchez-Jackson (שעוואַן מונטשעז-דזשעקסאַן), קאַלעדזש פאַרבינדונגען אינציאַטיוו (College Connections Initiative) סיניאָר אַדווייזאָר, SUNY Brooklyn Educational Opportunity Center
  - Yonkers Partners in Education

- **College Application Month Award of Excellence (קאַלעדזש אַפּליקאַציע חודש אויסגעצייכנטקייט באַערונג)**: אנערקענט שולעס וועלכע פירן איין שעפערישע און ווירקזאַמע סטראַטעגיעס צו פאַרמערן אויסגעפילטע קאַלעדזש און פינאַנציעלע הילף אַפּליקאַציעס.
**באַקומער:**
  - Melissa Ferguson (מעליסאַ פערגוסאַן), היי סקול-נאָכפאָלגנדע עדזשוקעישען קאָונסעלאָר, Brentwood High School
  - Marissa Kropp (מאַריסע קראַפּ), סקול קאָונסעלאָר, Belmont Preparatory High School

- **Financial Aid Navigator Award (פינאַנציעלע הילף באַגלייטער באַערונג)**: אנערקענט פּראָפעסיאָנאַלן וועלכע ווייזן ארויס אויסערגעוועזנטליכע איבערגעגעבנקייט ביים העלפן סטודענטן און פאַמיליעס זיך אָן עצה צו גיבן דורכאויס דעם פינאַנציעלע הילף פּראָצעדור.
**באַקומער:**
  - Akil Bello (אקיל בעלאָו), דירעקטאָר פון קאַלעדזש ראַט און FAFSA אויספילן אינציאַטיוו (FAFSA Completion Initiative), SUNY

- Norma Feriz-Gordon (נארמא פעריז-גארדאן), קאלעדזש און קאריערע סוקסעס קאָוטש, אפיס פון וועגן צו הצלחה פאר סטודענטן (Office of Student Pathways) ביי NYC פובליק סקולס (NYC Public Schools)
- Maria Gordineer (מאריא גארדינער), קאלעדזש אדווייזאר, פיקסקיל סיטי סקול דיסטריקט
- Stacy Rankin (סטעיסי רענקין), סופערווייזער, Say Yes Buffalo

- **FAFSA Champion Award (FAFSA קעמפער באעהרונג):** אנערקענט פירער און ארגאניזאציעס וועמען'ס ביישטייערונגען האבן באדייטנדע פארשפרייט די אויפמערקזאמקייט איבער FAFSA, די צאל אויסגעפילטע אפליקאציעס און צוטריט פון סטודענטן צו פינאנציעלע הילף אריבער ניו יארק סטעיט.

**באקומער:**

- Dr. Anael Alston (דר. אנאעל אלסטאן), אסיסטענט קאמישאנער פון די אפיס פון צוטריט, גערעכטיגקייט און קאמיוניטי מיטארבעט סערוויסעס ( Office of Access, Equity, and Community Engagement Services) אין די NYS עדזשוקעישען דעפארטמענט ( NYS Education Department)
- Deb Alverson (דעב אלווערסאן), וויצע פרעזידענט פון מיטעלע סקול קאונסעלארס ביי NYS School Counselor Association
- Jessica Arkin (דזשעסיקע ארקין), קאלעדזש און הײ סקול-נאכפאלגנדע עדזשוקעישען קאונסעלאר ביי די High School for Environmental Studies
- Priscilla Armsby (פּריסילע ארמסבי), געהילף דירעקטארין ביי די Rensselaer Polytechnic Institute
- Kyle Belokopitsky (קייל בעלאָוקאָפּיטצקי), עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון Parent Teacher Association
- Katie Cooney Lesko (קעיטי קוּני לעסקאָו), וויצע פרעזידענט פאר איינשרייבונג פארוואלטונג ביי Russell Sage College
- Carmen Diaz-Malvido (קארמען דיעז-מאַלדיוואָו), CEO פון Aspira of New York
- Evalyn Gleason (עוועלין גליסאן), סיניאר פראגראם מענעדזשער ביי TeachNY
- Shaun Hoff (שאון האָף), אסאָסיעט דירעקטאר פון SUNY ניו פּאַלץ (SUNY New Paltz)
- Sandy Jimenez (סענדי הימענעז), הילפס-מיטלען פאר הצלחה אין הײ סקול-נאכפאלגנדע עדזשוקעישען מענעדזשער ביי New Visions
- Lucy R. McIntyre (לוּסי ר. מעקאינטייער), דעפּיוטי דירעקטארין און רעגולאציע אויספאלגונג אפיצירין, CUNY
- Kim Nauer (קים נאַווער), דירעקטארין ביי [UnderstandingFAFSA.org](http://UnderstandingFAFSA.org)
- Luca O. Rallis (לוּקע אָו. ראליס), פרעזידענט פון SUNY Student Assembly
- Dan Robinson (דען ראבינסאן), דירעקטאר פון Pace University
- James Rodriguez (דזשעימס ראדריגעז), קאארדינעיטאר ביי United Federation of Teachers
- Gene Rogers (דזשין ראדזשערס), קאונסעלאר ביי Molloy University
- Erica Rose (עריקע ראָוז), וויצע פרעזידענט פון סטראטעגיע פאר ראטגעבונג שותפות'ן ביי UAspire
- Brian Smith (ברייען סמיט), דירעקטאר פון סטודענט פינאנציעלע סערוויסעס ביי SUNY קאָובעלסקיל (SUNY Cobleskill)

**צייטווייליגע פרעזידענט פון די ניו יארק סטעיט העכערע בילדונג סערוויסעס קארפארעשאפט (Higher Education Services Corporation, HESC), Doris B. González (דאריס ב. גאנזאלעז), האט געזאגט,** "מיינע גראטולירנדע וואונטשן פאר די געווינער פון די 2026 ניו יארק סטעיט

קאלעדזש צוטריט באעהרונגען. אייער אנטשיידענע איבערגעגעבנקייט און שותפות האבן געשפילט א צענטראלע ראלע ביים העלפן HESC אויסברייטערן איר איינפלוס און שטיצן סטודענטן. די היי-יאריגע קאלעדזש צוטריט קאנפערענץ האט אהערגעשטעלט א געוואלדיגע פלאטפארמע צו פאראייניגן קאונסעלארס, פינאנציעלע הילף פראפעסיאנאלן און שותפים וועלכע טיילן מיט א געמיינזאמע מיסיע פון אויספלאסטערן וועגן צו הצלחה פאר יעדן סטודענט און צו אנערקענען די געוואלדיגע עררייכונגען פון די באקומער פון אונזערע באעהרונגען. צוזאמען, טוהען מיר פארוואנדלען די טרוים פון א העכערע עדזשוקעישען צו ווערן אן עררייכבארע רעאליטעט פאר מיליאנען פון ניו יארקער."

**SUNY טשענסעלאר John B. King Jr. (דזשאן ב. קינג דזשוניאר) האט געזאגט,** "מיר זענען שטאלץ צו ארבעטן מיט גאווערנער Hochul (האקול), סטעיט פירער און קאמיוניטי שותפים צו מאכן די וועג צו א העכערע עדזשוקעישען מער צוגענגליך און העלפן זיכער מאכן אז עס איז דא א פלאץ פאר יעדן ניו יארקער אין SUNY. דורך די שטארקע שטיצע פון גאווערנער Hochul (האקול) און די סטעיט לעגיסלאטור, און מיט פארשטערקערטע שטיצע סערוויסעס און הילפס-מיטלען פאר סטודענטן, טוהען מיר זיכער מאכן אז יעדער סטודענט האט צוטריט צו אן אויסגעצייכנטע עדזשוקעישען און צו געלעגנהייטן וועלכע העלפן זיי פארווירקליכן זייערע טרוימען. מיינע גראטולירנדע וואונטשן פאר די College Access Award געווינער פון SUNY, אריינרעכנענדיג Akil Bello (אקיל בעלאָו), Shaun Hoff (שאון האָף), Shavon Munchez-Jackson (שעוואן מונטשעז-דזשעקסאן), Brian Smith (ברייען סמיט) און באזונדערס SUNY טראָסטי און פרעזידענט פון די SUNY Student Assembly, Luca O. Rallis (לוקע אָו. ראליס)."

**די SUNY באורד אָוו טראָסטיס האט געזאגט,** "מיר זענען שטאלץ צו אנערקענען די College Access Award געווינער, באזונדערס SUNY טראָסטי און פרעזידענט פון די SUNY Student Assembly, Luca O. Rallis (לוקע אָו. ראליס), פאר זייער פעלזן-פעסטע איבערגעגעבנקייט צו אוועקנעמען שטרויכלונגען וואס שטייען אין וועג פון א העכערע עדזשוקעישען. זייער געוואלדיגע ארבעט, צוזאמגעפארט מיט אינציאטיוון ווי די ניו יארק סטעיט קאלעדזש צוטריט קאנפערענץ, שטרייכט אונטער די געוואלדיגע ווערט פון שטיצע סערוויסעס פאר סטודענטן. מיר באדאנקען גאווערנער Hochul (האקול) און סטעיט פירער פאר זייער פעלזן-פעסטע שטיצע פאר SUNY און פארן זיכער מאכן אז יעדער איינער האט צוטריט צו געלעגנהייטן וועלכע ערמעגליכן מענטשן צו פארבעסערן זייער געזעלשאפטליך-עקאנאמישע צושטאנד און זיי העלפן עררייכן זייער פולע פאטענציאל."

**CUNY טשענסעלאר, Félix V. Matos Rodríguez (פעליקס וו. מאטאָוס ראדריגעז), האט געזאגט**, "מיינע גראטולירנדע וואונטשן פאר אלע באעהרטע פאר זייער ארבעט צו מאכן קאלעדזש מעגליך פאר מער ניו יארקע סטודענטן און פאמיליעס דורכן אויסברייטערן צוטריט צו פינאנציעלע הילף. מיר זענען שטאלץ אז CUNY איז טייל פון די ארבעט, דאנקבאר פאר HESC פארן פארזאמלען די ערשטמאליגע קאלעדזש צוטריט קאנפערענץ און מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול)'ס שטארקע פארפליכטונג צו אפאָרדעבעל פובליק העכערע עדזשוקעישען פון א הויכע קוואליטעט פאר יעדן ניו יארקער."

**סטעיט עדזשוקעישען קאמישאנער, Betty A. Rosa (בעטי א. ראָוזע), האט געזאגט,** "די ניו יארק סטעיט קאלעדזש צוטריט קאנפערענץ שפיגלט אפ די כוח פון שותפות ביים אויסברייטערן געלעגנהייט פאר סטודענטן און פאמיליעס אריבער אונזער סטעיט. דורכן צוזאמברענגען פינאנציעלע הילף פראפעסיאנאלן, קאונסעלארס, שתדלנים און העכערע עדזשוקעישען פירער, טוהען מיר פארשטערקערן די נעטווארק פון שטיצע וואס העלפט סטודענטן זיך אן עצה געבן אויף זייער וועג צו קאלעדזש. איך גראטוליר די היי-יאריגע קאלעדזש צוטריט באעהרונג באקומער און באדאנק זיי פאר זייער אנטשיידענע פארפליכטונג צו זיכער מאכן אז יעדער ניו יארקער סטודענט קען צוקומען צו די הילפס-מיטלען, באגלייטונג און פינאנציעלע שטיצע וואס איז נויטיג צו עררייכן זייערע ציהלן אין עדזשוקעישען."

**Lola W. פרעזידענט, Commission on Independent Colleges and Universities (CICU)** **Brabham (לאָולע וו. ברעבהעם), האט געזאגט,** "מיינע גראטולירנדע וואונטשן פאר די באקומער פון די 2026 ניו יארק סטעיט קאלעדזש צוטריט באעהרונגען און פאר אונזערע שותפים ביי די ניו יארק סטעיט העכערע בילדונג סערוויסעס קארפארעישאן פארן צוזאמרופן די וויכטיגע ערשטמאליגע קאנפערענץ. אריבער ניו יארק, ארבעטן קאונסעלארס, פינאנציעלע הילף פראפעסיאנאלן און קאלעדזש צוטריט שתדלנים יעדן טאג צו זיכער מאכן אז סטודענטן און פאמיליעס פארשטייען די געלעגנהייטן וואס זענען דא צו באקומען דורך פראגראמען ווי FAFSA, TAP און אנדערע וועלכע ווערן אנגעפירט דורך HESC. זייער פירערשאפט איז יסודות'דיג צו אויסברייטערן צוטריט און אפארדעביליטי, און צו העלפן מער סטודענטן ארבעטן פאר א העכערע עדזשוקעישען און פאר קאריערעס וועלכע פארשטערקערן אונזערע קאמיוניטיס און אונזער סטעיט. CICU איז שטאלץ צו זיין א שותף אין די אונטערנעמונג און צו אנערקענען די יחידים און ארגאניזאציעס וועמען'ס ארבעט עפנט אויף טויערן פאר סטודענטן אריבער ניו יארק."

**Association of Private Colleges פרעזידענט, Donna S. Gurnett (דאנע ס. גורנעט), האט געזאגט,** "די Association of Private Colleges איז מער פון באגייסטערט זיך צו באטייליגן צוזאמען מיט אונזערע אינדוסטריע שותפים אין די ערשטמאליגע ניו יארק סטעיט קאלעדזש צוטריט קאנפערענץ. דאס איז נאך א ביישפיל פון וויאזוי פובליק און פריוואטע סעקטארן פון העכערע עדזשוקעישען קענען זיך צוזאמקומען צו העלפן זיכער מאכן אז מער ניו יארקער האבן צוטריט צו די כלים און מיטלען וואס זיי דארפן צו קענען מצליח זיין אויף די וועג צו העכערע עדזשוקעישען וואס זיי וועהלן אויס. א דאנק פאר גאווערנער Hochul (האקול) און פאר די HESC פירערשאפט פארן פארזעצן צו מאכן קאלעדזש צוטריט און אפארדעביליטי אלס פריאריטעט פאר סטודענטן אין ניו יארק סטעיט."

די ערשטמאליגע קאנפערענץ צייכנט אפ א גורל'דיגער מאמענט פאר די סטעיט און דינט אלס א יסוד אין די גאווערנער'ס מיסיע צו מאכן קאלעדזש מער עררייכבאר דורך מיטגעטיילטע פארפליכטונג, אויסגעברייטערטע שותפות'ן און היסטארישע אינוועסטירונגען. ארויסגעהויבן אין א מאכטפולע עפענונג רעדע ווידעאו, האט די טראנספארמאטיווע פארשריט אין עדזשוקעישען אונטער גאווערנער Hochul (האקול)'ס פירערשאפט ארויפגערוקט ניו יארק צו זיין די פינפטע אין דאס לאנד מיט די צאל אויסגעפילטע FAFSA אפליקאציעס – זאגנדיג עדות איבער די סטעיט'ס איבערגעגעבנקייט צו שטיצן סטודענטן, באפולמעכטיגן פאמיליעס און פארשפרייטן אויפמערקזאמקייט איבער פינאנציעלע הילף געלעגנהייטן. אינציאטיוון ווי די 'קאלעדזש אפליקאציע חודש', 'פינאנציעלע הילף אויפמערקזאמקייט חודש', אויסגעברייטערטע FAFSA אויספילן געשעענישן און פארשטערקערטע סטעיט-ברייטע שותפות'ן זעצן פאר צו אויפבויען שוואונג און זיכער מאכן אז מער ניו יארקער זענען גרייט צו לערנען פאר א העכערע עדזשוקעישען.

די פארשריט זאגט עדות איבער די צוזאמענארבעטנדע באמיאונגען פון ארגאניזאציעס און אינסטיטוציעס וועלכע זענען איבערגעגעבן צו שטיצן סטודענטן און פאמיליעס. די קאנפערענץ איז אפגעהאלטן געווארן דורך די ניו יארק סטעיט העכערע בילדונג סערוויסעס קארפארעישאפט, בשותפות מיט די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק (State University of New York, SUNY), די סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק (City University of New York, CUNY), די ניו יארק סטעיט עדזשוקעישען דעפארטמענט, די Association of Private Colleges און די Commission on Independent Colleges and Universities.

בילדער פון די געשעעניש און רעקארדירונגען פון קאנפערענץ סעסיעס זענען פארעפנטליכט אויף HESC'ס וועבזייטל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן